# עולת שבת בשבתו

**כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**בעזהשי"ת** | שבת שובה | **שנת תשע"ב לפ"ק**

## מילי דחסידא

**אם תשיב משבת רגליך עשות חפציך ביום קדשי וקראת לשבת עונג לקדוש ה' מכובד:**

ראיתי בספר בשם **צדיק אחד** ז"ל שזה רומז על שבת תשובה שנקרא שבת בין הרגלים, ונקרא שבת שובה שהוא בעשרת ימי תשובה, וזהו **אם תשיב משבת רגליך**, בין הרגלים, והוא השבת קודם יום הכיפורים, ואם יעשו תשובה בשבת הזה **עשות חפציך ביום קדשי**, ימלא משאלותיו ביום הקדוש.

ויש לבאר לפי זה המשך הכתוב **לקדוש ה' מכובד**, כי הנה אין קץ לאישי חובותינו להשלים הסגופים ותעניות לפי תשובת המשקל המבואר בראשונים ז"ל, ואיתא **במדרש תנחומא** (בראשית פ' כ"א) אסור להתענות בשבת, ובערב שבת נמי אסור להתענות מפני טורח השבת, דכבוד שבת עדיף מאלף תעניות דכבוד שבת דאורייתא וכו'.

ולפי זה שפיר נאמר **אם תשיב משבת רגליך**, שהוא התשוב"ה בשב"ת שובה הלז, ומפרש איך תהי' התשובה אז, הלא אין זמן תענית וסיגופים בשבת, וע"כ בעכ"ח הוא רק ע"י עונג שבת, וע"ז קאמר שאז יהיה התיקון והתשובה ע"י וקראת לשבת עונג, ויהיה מועיל כמו **לקדוש ה' מכובד**, שהוא יום הכיפורים, כמו שדרשו במס' שבת (דף קי"ט ע"א) לקדוש ה' מכובד, זה יום הכיפורים, שאין בו לא אכילה ולא שתי' אמרה תורה כבדהו בכסות נקי' (שער יששכר, מאמר שובה ישראל אות י"ג).

## דרש דרש

**שובה ישראל עד ה' אלקיך כי כשלת בעוונך:** זאגט דער הייליגער **קדושת יום טוב** זי"ע אז עס שטייט אין מדרש און אין ילקוט אז תשובה העלפט נאר פאר אידן און נישט פאר קיין גוים. דער טעם קען זיין לויט דעם וואס דער **מהר"ם אש** זצ"ל זאגט אין ספר כתנות אור אז לכאורה איז דא א קשיא ווי אזוי קענען אידן תשובה טון אויף די עבירות, די גמרא זאגט דאך נראה ונדחה אינו חוזר ונראה, און אידן זענען בעצם נראה, ראוי פארן אייבערשטן, אבער אז מ'זינדיגט ווערט מען נדחה פונעם רבש"ע, ווי אזוי קומט מען צוריק צו ווערן נאכאמאל נראה?

ענטפערט דערויף דער **ייטב פנים** אז מיר פסק'ענען בעלי חיים אינם נידחין, ממילא כל זמן א בהמה לעבט ווערט עס נישט נדחה, איז דאך א כל שכן אז א מענטש ווערט נישט נדחה פונעם אייבערשטן. אבער לכאורה זאגן דאך חז"ל אז רשעים בחייהם קרוים מתים, זענען דאך מענטשן בעלי עבירה בכלל נישט בגדר בעלי חיים, ווערט צוריק שווער די קשיא, ווי אזוי העלפט תשובה.

נאר ס'איז ידוע דאס ווארט פון **הרה"ק רבי ר' זושא זי"ע** וועלכער האט געזאגט אז ער האט נאכנישט געזעהן א מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון אן עבירה וואס א איד האט געטון אז ער זאל זיין גאנץ, יעדער אזא מלאך איז מחוסר אבר, ווייל א איד אפילו ווען ער זינדיגט טוט ער דאס נישט בלב שלם, נאר מיט א לב נשבר וואס דאס באשאפט א פעלערדיגער מלאך.

דאס איז דער טעם פארוואס תשובה העלפט נאר ביי אידן און נישט ביי קיין גוים, ווייל נאר ביי די אידן איז שייך צו זאגן אז די אידן זענען צובראכן און פארוויייטאגט בשעת אן עבירה, מילא קומט אויס אז ווען ער זינדיגט איז ער נישט אינגאנצן שלעכט, און עס בלייבט אין אים א שטיקל חיות, ממילא איז ער א בעל חי און ווערט נישט נדחה, ממילא קען ער תשובה טון.

## מעשה רב

### אויף וואס טוט א קינד תשובה?...

**איינמאל שבת שובה ווען דער רבי בעל דברי יואל זי"ע איז נאך געווען א קליין קינד פון קוים פיר יאר, איז ער געזעסן אין בית המדרש ביי די "שבת שובה דרשה" פון זיין הייליגן טאטן דער קדושת יום טוב זי"ע, און ער האט זיך צוגעהערט ווי דער קדושת יו"ט זאגט מוסר מיט התעוררות פארן עולם אז מען זאל תשובה טון.**

**פלוצלונג זעען די אנוועזענדע ווי דאס קליין אינגעלע יואל'ישל הייבט אן ביטער צו וויינען... עס איז געווען א גרויס וואונדער ביי אלע, און זיי האבן אים געפרעגט "פארוואס וויינסטו?**

**מיט די פולסטע תמימות האט דאס הייליג קינד געענטפערט "איך טו תשובה אויף מיינע עבירות"...**

**"וואס פארא עבירות קענסטו שוין האבן? דו ביסט דאך נאך א קליין קינד?" האבן די ארומיגע חסידים זיך געוואונדערט.**

**"נעכטן אינמיטן מיין טאט'נס טיש האב איך איינגעדרימעלט, און מען האט מיך געלייגט אין בעט שלאפן!"**

**"נו, וואס פארא עבירה איז דאס?" האבן די מענטשן ווידער געפרעגט.**

**"איך האב דאך נישט געליינט קיין קריאת שמע שעל המטה..." האט דאס קינד געענטפערט און זיך ווידער שטארק צעוויינט...**

דאס זאגט דער נביא **שובה ישראל**, איי וועסטו פרעגן ווי אזוי עס העלפט תשובה, מיר ווייסן דאך **נראה ונדחה אינו חוזר ונראה**, אויף דעם ענטפערט ער **כי כשלת בעונך**, אז בשעת׳ן טון דעם עוון איז דאס געווען ווי א **כשלון**, ווייל ביסט געווען צובראכן און פארוויינטאגט, און דאס העלפט אז מ׳זאל קענען תשובה טון.

*

**יערוף כמטר לקחי וגו׳ כי שם ה׳ אקרא הבו גודל לאלקינו:**

דער **חתם סופר זי״ע** איז משלב די צוויי פסוקים, לויט דעם וואס רש״י הק׳ טייטשט דעם פסוק **כי שם ה׳ אקרא הבו גודל לאלקינו, כשאקרא ואזכיר שם ה׳ אתם הבו גודל לאלקינו וברכו שמו, וציוה להם שיענו על כל ברכה ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.** דארף מען פארשטיין דעם **לשון את״ם הבו גודל וכו׳** פארוואס דארפן פונקט די אידן זאגן ברוך שם און נישט משה רבינו?

נאר דער **מגן אברהם** (הל׳ יום הכיפורים, סי׳ תרי״ט סק״ח) זאגט אז משה רבינו האט גע׳גנב׳עט פון די מלאכים די **׳ברוך שם** וכו׳׳, און וועגן דעם זאגט מען עס שטילערהייט אז די מלאכים זאלן נישט הערן, אויסער יום כיפור ווען אידן זענען אויף די מדריגה פון די מלאכים האט מען נישט מורא און מ׳זאגט עס הויך.

קומט אויס אז משה רבינו אליין וואס ער האט עס גע׳גנב׳עט טאר עס נישט זאגן הויך, אזוי ווי א **׳בוצע ברך׳**, אבער די אידן וואס האבן דאס שוין קונה געווען מיט ׳שינוי רשות׳ מעגן עס יא זאגן.

אבער שינוי רשות העלפט נאר נאך יאוש בעלים (עי׳ מה שכ׳ המג״א סי׳ תרמ״ט סק״ב) מוז איך זאגן אז דא איז אויך שייך יאוש בעלים ווי דער פסוק זאגט (ישעי׳ נ״ה י׳) כאשר ירד הגשם והשלג ושמה לא ישוב, און די גמרא זאגט אין תענית (דף כ״ה ע״א) אז פון הימל גיט מען נאר, און מ׳נעמט נישט צוריק, קומט אויס אז א זאך וואס קומט אראפ פון הימל איז שוין שייך ביי דעם יאוש בעלים ווייל ס׳קומט מער נישט צוריק.

דאס האט משה רבינו געזאגט **יערוף כמטר לקחי**, אז זיינע ווערטער זענען אזוי ווי רעגן, וואס קומט פון הימל און גייט נישט צוריק, ממילא וועגן דעם **כי שם ה׳ אקרא**, דוקא **אתם הבו גודל לאלקינו**, ווייל נאר די אידן האבן שוין קונה געווען סיי מיט יאוש און סיי מיט שינוי רשות.

## בפרדס הפרשה

### רמזים אין שירת האזינו

עס ווערט געברענגט אין **רמב״ן הק׳** אז אין **״שירת האזינו״** איז מרומז אלע געשעהענישן וואס וועט פאסירן מיט יעדן מענטש באזונדער עד סוף כל הדורות, עס זענען באקאנט עטליכע סיפורים פון צדיקים וואס האבן געצייגט רמזים וואס האבן פאסירט אין זייערע צייטן וואס זענען מרומז אין שירת האזינו.

דער **רבי בעל דברי יואל זי״ע** האט אמאל געשמועסט איבער דעם ענין, האט ער געצייגט אז אינעם פסוק **״י׳שיב ל׳צריו ו׳כפר א׳דמתו״** איז מרומז זיין נאמען **״יואל״**, ווייל באמת איז דאך די הייליגע ערד פון ארץ ישראל זייער אנגעווייטאגט איבער דעם וואס די רשעים האבן זיך דארט באזעצט, און זיי זענען דארט עוקר די הייליגע תורה ר״ל, און זענען דארט מעביר על הדת אזויפיל אידישע קינדער, נאר אויב עס איז דא ווער עס נעמט זיך אן פאר די אדמת ארץ הקודש, עס איז דא ווער עס איז לוחם קעגן די רשעים די פורקי עול, דורך דעם טוט די ערד פארציייען אויף איר שאנד.

האט דער רבי אויסגעפירט **״ישיב לצריו**, ווען מען ענטפערט צוריק א מלחמת חרמה פאר די פיינט, פאר די משנאי ה׳ וואס ווילן אויסרייסן די תורה הק׳, **וכפר אדמתו**, דורך דעם טוט די ערד פארצייען אויף איר ווייטאג״.

אינעם לעצטן יאר עשרת ימי תשובה פרשת האזינו תשל״ט (ד.ה. באלד א יאר פאר דער רבי ז״ע איז נסתלק געווארן) איז איינער פון די מקורבים אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה צום רבי׳נס צימער, וואו דער רבי איז געזעסן און מעביר סדרה געווען, ווען דער רבי האט געענדיגט מעביר סדרה זיין האט ער געזאגט ״עס שטייט דאך אין רמב״ן אז יעדער איז מרומז אין שירת האזינו, וואו בין איך מרומז?״

האט דער משב״ק געענטפערט אז עס איז שוין באקאנט וואס דער רבי זאגט אז דער רבי איז מרומז אינעם פסוק ״י׳שיב ל׳צריו ו׳כפר א׳דמתו״ האט דער רבי זאגט, ניין איך וועל דיר זאגן וואו איך בין מרומז״:

**״אינעם פסוק י׳די ו׳אמרתי חי א׳נכי ל׳עולם״ איז ראשי תיבות יוא״ל**, אויף דעם וואס עס שטייט אינמיטן דאסווארט ״חי״ האט דער רבי געזאגט מיט טרערן ״איך בין שוין אן אלטער איד, איך ווייס נישט וואס דער סוף וועט זיין, אבער די גמרא זאגט אויב מען זאגט נאך א דבר שמועה פון א נפטר איז שפתותיו דובבות בקבר, אז מ׳וועט אריינקוקן אין מיינע ספרים, און מ׳וועט גיין אין מיינע דרכים וועט זיין ״חי אנכי לעולם״ איך וועל בלייבן לעבן אויף שפעטער אויך״... יענעם יאר איז דער רבי נסתלק געווארן לעולמו.